STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03996

# BAY DER GREBLYE

Z. Weinper

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. ווײנפּער

# ביי
# דער
# גרעבליע

פארלאג „קולטור“.
ניו יארק, 1922

Copyright, 1922.
by Farlag "Cultur"
New York

דעם זכר פֿון מײַן יונג פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָטער
יצחק לייב און מײַן נאָך יונגער פֿאַרשטאָרבענעם
ברודער משה, ווידמע איך דאָס בוך.

# אינהאַלט.

## ארום שטעטל:


גוט און אומעטיק — 11
בוי דער גרעבליע — 18
בים־באם — 23
א מעשה מיט א קו — 25
אַ אינגעליע — 27
בוי דער פּיאַנע — 28
אַ ראמאַנס — 31
די ביזט ניט געקומען — 33
דער אַלטיטשקער — 34
נו זע — 36
זי איז אוועק — 38
א וויסע — 40
ערגיץ זיך פאַרלאָרען — 41
סוו דו סוו איך — 42

זאָל זיין אזוי — 43
רב יצחק'ל בעל תפילה — 45
מיין היים — 51
אַלץ וואָלט זי געזען — 52
מאַמע — 53
טויבן — 54
דאָס ווינטעלע פון דרום — 55
זינגענדיק — 56
גלויביקע — 57
אין באַן — 59
די מעשה מיט'ן גובערנאַטאָר — 61

## ארום דאָרף:

נאָך אלעמען — 71
א שטילער וועג — 73
אַ דאָרף — 74
הייליקע בילדער — 75

קאַרטאָפליעס מיט דער שאָל — 77
אַ גאָלדן פישל — 78
די זון גייט אויף — 80
גוט מאָרגן — 28
א שטיבל — 84
א לעבן — 87
משה הערשקע — 89
די מציאה — 103


## אויפ'ן ים:


די שיף גייט אָפּ — 119
ים דו ברייטער — 121
קאָן דער ים ניט רואיק ליגן — 123
נאָר מעשה'לאך — 125
דורך ברויזנדיקע כוואַליעס — 127

# אַרום שטעטל

WORKERS COOPERATIVE
LIBRARY

## גוט און אומעטיק.

עס האָט אַ לייכטע האַנט מיך אויפגעהויבן פון דער ערד
און אויפגעזעצט אויף אַ פלינקן, ווייסן פערד,
וואָס האָט אַוועק געטראָגן מיך אַזוי געשווינד,
אַז טראָגנדיק האָב איך געהערט דאָס קרעכצן פונ׳ם ווינט
וואָס האָט אין אַ געיעג
פאַרמעסטן זיך געוואָלט מיט מיר.
און פלוצים האָט געענדיקט זיך דער וועג,
און פאַר די אויגן מיינע שטייט אַ הויז
מיט אַ באַקאַנטע טיר.
די לאָדנס אויף די קליינע פענסטער צוגעמאַכט,
און קוקן אויס,
ווי דרימלענדיקע אויגן אין דער נאַכט.
איך נעם די קליאַמקע פון דער טיר
און גיי דאָך ניט אַריין.
ווער ווייס צי וועל איך אויך אַצינד
אַ גוטער גאַסט דאָרט זיין?

### ביי דער גרעבליע

נאָר פון דער בודקע רייסט דער הונט צו מיר זיך פון דער קייט,
און ניט ער בילט. נאָר קוויטשעט מיט אזוי פיל פרייד,
און לעקט די ברעגעס פון מיין קלייד,
און מיינע הענט.
און מיר איז גוט אַזוי,
און מיר איז אומעטיק אַזוי,
וואָס האָט דער הונט מיך כאָטש דערקענט.

# ביי דער גרעבליע.

## א

ביי דער גרעבליע
איז פאַרצייכנט אויף אַ ברעטל,
אַז עס וואוינען אינ׳ם שטעטל
הונדערט ניינציק מאַנספערשוינען.
שטייען שטיבער אָן אַ סדר
ליים די ווענט און שטרוי די דעכער,
נאָר די שול איז מיט א גדר
און פון אלע הייזער העכער.
און אין מארק אַ צענדליק קלייטן
און צוויי ברונעמער מיט קייטן.

און פון שטעטל גאַנץ באַזונדער
פונקט ווי גאָט׳ס אַ גרויסער וואונדער,
שטייט אַ הויף מיט אַלטע דירות, —
האַלטן אלע זיי פאַר שמירות,

אַז דער ברייטער טייך טוריע,
וועלכער ציט זיך זיי אַ הינטער
ביז צו אַלע גרויסע ימים
און דער פּויליש־אַלטער צווינטער
מיט דער שווענטער יעזוס־מאַמען
זאָלן ניט קיין שליטה האָבן,
ווען מען דאַרף אַ מת באַגראָבן.

ווייל עס טוען זיך די זקנים
איינס דאָס אַנדערע דערציילן,
אַז אין אַלע טונקלע היילן
פון דעם פּויליש־אַלטן צווינטער
האַלטן אויף זיך לצים, שדים.
אָנגעטאָן אין רויטע מיצלאַך,
מיט געזאַנג און צימבל־קלאַנגען
לאָזן זיי זיך אָפּט אינאיינעם
אויף די אידישע לוויות.
שרייען, ליארמען, שפּילן, בלאָזן
מיט אַזעלכע הויות.

אלץ כדי נאָר די נשמה
אין דעם צווינטערייַן צו פאַנגען.

ב

הייצט דער הויף דעם גרויסן אויוון
נעמט זיך פּילן אין די קלייטן
אַז עס קומען די יום-טובים
און מען נעמט מיט אלעם-גוטן
פאַר די קונים זיך פאַרגרייטן.
דאַרף אַ איד נאָך סחורה פאָרן
זוכט ער געלט אויף אויסצעצאָלן
האָט אַ גוי אַ פּורל-קאָרן
זוכט ער וואו עס אָפּצעמאָלן,
און די ווייבער נעמען קלערן,
ווי די שטוב זאָל גרעסער ווערן.

איין אכסניה אלע שטיבער
אויך די בוידימער פאַרנומען,
אידן צאַפּלן זיך, ווי אין פיבער,

ווען עס נעמען פורן קומען
אָנגעפּאַקט מיט חסידים.
אַלע שטייען אויף די שוועלן
יעדער וויל, אַז די נגידים
זאָלן זיך ביי אים אָפּשטעלן.
מאַכט זיך אָפּט דערפאַר געשלעגן
פאַלן קללות, ווי א רעגן.

ג

בענקט דאָס שטעטל נאָכ׳ן חודש,
ווען עס נעמען בלעטער פאַלן
און די פּני און די כלי קודש
נעמען אין די שופרות שאַלן.
איז דער חודש דאָך דער שענסטער
שענער נאָך פון חודש תמוז.
אויסגעוואַשן טיר און פענסטער,
און רב חים׳ל דער שאַמעס
דאַרף שוין ניט צו תהלים וועקן
מיט זיין גראָבן באַרן-שטעקן.

אידן לייגן זיך ניט שלאָפן,
ליכטיק איז אין אלע געסלאך.
אַלע קלייטן זיינען אָפן,
גאז פארקויפט זיך גאַנצע פעסלאך.
און אויף אַלע נאָנטע וועגן,
טעג און נעכט גאָר אָן אַ סדר,
קומען אידן זיך אַנטקעגן
מיט פארשטויבטע, גרויע קליידער,
ווער עס פאָרט אויף אן עגלה,
ווער צו פוס על פי קבלה.

ד

און דער הויף אן אָפגעצאַמטער
פונ׳ם שטעטל מיט שטאַכעטן
קוקט דאן אויס אן אויפגעראמטער.
אויפגעהויבן די ראָלעטן
זעט זיך דורך די גרויסע שויבן
שטריימלאך סאָבאלנע מיט שפּיצן,
אויסגעפוצטע שנורן, טעכטער,
שווייגנדיקע ווי די טויבן

און קאָלירטע שטיינער בליצן,
ווי די פארב פון רעגנבויגן,
ווי דאָס ליכט פון קינדער־אויגן.

אויפגעריגלטע די ריגלען,
אויפגעפּראַלטע אלע טירן
גרויסע גאָלד־באַזוימטע־שפּיגלען
אַלע ווינקעלאך באַצירן.
דרייען מאַנסבילן זיך און ווייבער,
קוקן מונטער אלע אויגן
און רב משה׳לע דער שרייבער
זיצט צום טישל צוגעבויגן
ווישט די פעדער אָן דעם היטל,
שרייבט אַ קוויטל נאָך אַ קוויטל.

קומט רב יצחק׳ל דער גבאי —
שווארץ די באָרד און ברייט די פּלייצעס
הויבן אלע אָן דעם גבאי

חנפה׳נען און פרעגן עצות,
ווי אזוי זיך צו דערשלאָגן
אינ׳ם רבינס יחוד שטיבל.
איינער פּרואווט א סוד אים זאָגן,
אַז ער גיט דערפאר א רובל.
ברומט רב יצחק׳ל דער גבאי:
— שוטה, שוטה,
דארפסט א תקון, ביזט א חוטא!

ה

און אין העלע סאַמעט-קליידער
זיצט זיך אין זיין יחוד-שטיבל
ער אליין, זאָל לעבן,
און דער עולם מיט א סדר
גייט פאַרביי מיט גרויס דרך ארץ.
האָט ניט ווער פון וואָס צו לעבן
בעט אין קוויטל ער פּרנסה,
איינער האָט א פּאַכט מיט בהמות
איז אים ווינציק די הכנסה,
און א דריטער האָט די שמות

פון א ספר ניט באגראָבן
וויל ער דאָ א תקון האָבן.

מאַכט זיך אויך עס קומט קומט א גויע
מיט אַ קוויטל צו דעם „ראַבין",
ווייסט שוין דאָרטן יעדע גויע,
אז עס פּאַסט ניט שטיין צום „ראַבין"
פּונקט אַנטקעגן אין די אויגן.
שטייט און ציטערט זי איינגאַנצן
און דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
נאָר די בליקן טאַנצן, טאַנצן
אויף די הענט פון א י ם זאָל לעבן,
ווען זי דאַרף דאָס קוויטל געבן.

אַז עס מאַכט זיך אין א רעגן
פאָרט אַ מענטש פאַרביי איר כאַטע,
איז די טיר פאַר יעדן אָפן.
פּלאַץ איז דאָ פאַר פערד און וואָגן

און אַ בוידים אויף צום שלאָפן.
דאַרף ניט, אַז מען זאָל איר זאָגן,
נעמט אַליין קאַרטאָפליעס בראָטן.
סיי פּאַר גוים, סיי פּאַר אידן,
אַלע זײַנען אונטערוועגן
גלײַכע מענשן.
ווײַל זי אַז דער „שוועגטע ראַבין"
זאָל איר פּראַצע בענטשן,
אַז דאָס פעלד זאָל איר געראָטן.

און פּאַר אַלע, אַלע מענשן
האָט דער רבי גלײַך אַ ברכה.
טוט ער אויך דער גויע בענטשן
אויף איר פעלד מיט גרויס הצלחה.
און אַזוי, אַזוי כסדר,

גוים, אידן גלייך אינאיינעם
גייען פונ׳ם רבינס חדר
און עס פילט זיך יעדן איינעם,
אַז זיין הארץ איז לייכטער, ריינער
און אַז גאָט איז איינער, איינער.

# בים־באַם־באָם.

זיצט אַ אינגל א פֿאַרטראַכטער,
אין זיין חדר אַ פֿאַרמאַכטער.
ווייסט ער ניט פון טאָג און נאַכט,
נאָר ער טראכט. נאָר ער טראכט
בים־באַם־באָם.
מאַרמאָר־הייזער און באַלקאָנען,
זייד און סאַמעט און סאַלאָנען
און ארום אים טאַנצן מיידלאך
אויסגעפּוצט אין ווייסע קליידלאך.
בים־באַם־באָם.
ווארפט ער איינער צו א בליק,
ווערט זי אזש פֿארשעמט פון גליק,
ווערט זי אזש פֿארשעמט פון גליק,
בים־באַם־באָם.

## ביי דער גרעבליע

האָט א אינגל א פּרינצעסן
ליב באַקומען און פאַרגעסן,
אַז פּרינצעסנס זיינען רייך
און ער איז צו איר ניט גלייך
בים-באָם-באָם.
האָבן קולות זיך צעזונגען,
האָבן גלעקלאַך זיך צעקלונגען
בים-באָם-באָם.
טרייבן גוים אָן די פערדלאַך,
זיצן אידעלאַך מיט בערדלאַך
אויף סידעניעס היי און שטרוי
בים-באָם-באָם.
די פּרינצעסן ווערט זיין פרוי,
די פּרינצעסן ווערט זיין פרוי.
בים-באָם-באָם.

# א מעשה מיט אַ קו.

יצחק משה יאָסלס
האָט אַ קו געקויפט,
בענקט די קו צום דערפל
נעמט זי און אַנטלויפט.

מאַכט רב יצחק קולות,
ווערט א ווילד געלויף,
איז די גרעבליע זאַמדיק
הויבט א שטויב זיך אויף.

וויקלט ער דאָס שטעטל
דאַכט זיך, אַז סאַ רויך
טרובן די פּאָזשאַרנעס
מיט'ן גאַנצן כח.

הויבט אַ איד אָן שרייען —
ראַטעוועט סע ברענט.
נעמען ווייבער קוויטשן,
ברעכן מיט די הענט.

שלעפּט שוין ווער אַ קופּערט
פון זיין שטוב אַרויס.
איינער כאַפּט אַ תורה
פון דער אַלטער קלויז.

און דעם עק פּאַריסן
לויפט די קו און לויפט —
יצחק משה יאָסלס
האָט אַ קו געקויפט.

## א אינגעלע.

איך קאָן אַ קליינטשיק אינגעלע,
מיט ראָזע ווייכע בעקעלאַך,
די הערעלאַך צופלאָסענע
זיי הענגען, ווי די לעקעלאך.

צעוויינט זיך ווען דאָס אינגעלע,
און טרערט מיט זיינע אויגעלאך,
דערצייל איך אים אַ מעשה'לע
פון בלויע, ווייסע פויגעלאך.

אַנטשוויגן ווערט דאָס אינגעלע,
ער ווישט זיך אוים די אויגעלאך
און וואַרט, אַז קומען זאָלן באַלד
די בלויע, ווייסע פויגעלאך.

## ביי דער גרעבליע

# ביי דער פּיאַנע.

און שעה'ען לאַנגע זיצט זי ביי דער פּיאַנע.
די האָר — אמאָל אויף גלאַט פאַרקאַמט,
נאָר אָפטער ביז די שולטערן צולאָזן
און ווי א ווינטל,
שפּילנדיק זיך אויף די גראָזן
לאָזט זי אירע פינגער לויפן
הער און הין אזוי זיך
אויף די ביינדלאך פון דער פּיאַנע.
און זיץ איך דאמאָלסט איר אנטקעגן
אין א פאַרנאַכט,
צי אין א גרוילאָכן באַגינען
און דורך די טוליענע גאַרדינען
שלאָגט זיך דורך פאַרטראַכט
א נעבלענדיק ליכט

און לעגט זיך אויף איר קליינעם מאַט געזיכט
דערמאָנט זי מיר די פּוילישע שטאָלצע פּאַנע,
וואָס פלעגט מיך אײנגלוויז אי שרעקן און אי ציען.

און שעה'ען לאַנגע זיצט זי ביי דער פיאַנע —
א ווייס און אפּגעפאַרבט הויז
מיט האָלצערנע שטאַכעטן,
די לאָדנס בלוי געפאַרבט,
די פענסטער מיט ראָלעטן,
און פרילינג איז,
עס בליען אלע בוימער
און גאָלדיק נעמט די זון פאַרלאָזן:
דעם ברייטן מארק,
דעם ברונען
און די שטיבער
און איז שוין באַלד אויף יענע הויז אריבער
שטייט דאַמאָלסט זיך ביים פענסטער שטיל
די פּוילישע, שטאָלצע פּאַנע
און קוקט ארוים אזוי זיך שעה'ענווייז כסדר

## ביי דער גרעבליע

און אויף דער גרעבליע קעגנאיבער
גייט א אידיש אינגעלע פון חדר
דאָס היטל אויף א זייט פארדרייט,
די פאה'לאך צופלאָסן
און חלומ'ט שטילערייט פון א פרינצעסן,
וואס בענקט נאָך אים און קאָן אים ניט פארגעסן
און קוקט אוים, ווי די פוילישע, שטאָלצע פאנע.

# אַ ראָמאַנס

איך שטײ בײַ דײַן טיר
און וואַרט זאָלסט, ווי שטענדיק
אַרויס גײן צו מיר.
די טיר איז פֿון רעגן
און אַלטקײט שוין גרוי,
נאָר אויבן דער הימל
איז רײן און איז בלוי.
און אַלע: דער הימל,
און איך און די טיר,
מיר שטײען און וואַרטן —
און וואַרטן אויף דיר.

און שטיל איז די נאַכט,
אַזוי ווי פֿון גוטע מלאָכים
מיט פֿליגל באַוואַכט.

אַ ווינט ברענגט צוטראָגן
פון ערגעץ אַ קלאַנג
פון עפּעס אַ ציטריקן,
שטילן געזאַנג —
דאָס זינגט איצט די נאַכט אויס
אַ תּפילה צו דיר
און וואַרט זאָלסט, ווי שטענדיק,
אַרויסגיין צו מיר.

ז. ווײַנבער

## דו ביזט ניט געקומען!

די נאַכט האָט אַ בלויע אין פעלד זיך געשפּרייט
און איך בין אַזוי ווי אַ קאַץ אײַנגעדרייט
געלעגן צווישן דעם קאָרן אויף דר׳ערד.
אַ ריר פון אַ שטרוי, אַ שאָרך פון אַ קלייד,
איך האָב בלויז דאָס רירן און שאָרכן געהערט,
דו ביזט ניט געקומען.

אַ פּייערל האָט אויף דער אָזערע געברענט
און האַלטנדיק לייכט זיך אַזוי ביי די הענט
איז פּאָרל נאָך פּאָרל פאַרביי שטילערייט,
אַ ריר פון אַ זאַנג, צוויי ווייס-שלאַנקע הענט.
דאָס האָט בלויז דער ווינט אויף די זאַנגען געוויייט,
דו ביזט ניט געקומען.

## העי, אַלטיטשקער!

און ווידער האָט דער פֿאַסטוך צו דעם הימל זיך פֿאַרקוקט.
און ווידער האָט דער וואָלף אַ שעפּעלע פֿאַרצוקט.
אַזעלכע מעשה׳לאַך האָט מיר אַן אַלטיטשקער דערציילט,
און זיי דערציילנדיק האָט קיינמאָל ניט פֿאַרפֿעלט
אַ פֿייערל אַ צונד צעטאָן זיך אין זיין בליק,
— אזוי, אזוי איז אויך דעם מענטשנס גליק.
פֿאַרקוקסטו זיך צו דעם הימל, וואו אַ פֿויגל פֿליט,
צי אויף די לאָנקעס, וואו אַ טייכל שלענגלט זיך אין ציט
דערציילנדיק דיר מעשה׳לאַך, וואָס טרעפֿן אין דער וויים
און זעסט ניט, ווי דאָס מיידל ביי דיין זייט —
די לאָקן פֿונם ווינטעלע צעוויים
צושמייכלט זיך שוין זים פֿון צווייטן בחור׳ס רייד.

און ווידער האָט דער פֿאַסטוך צו דעם הימל זיך פֿאַרקוקט
און ווידער האָט אַ וואָלף אַ שעפּעלע פֿאַרצוקט.

ז. ווײַנבער

העי, ליבער אַלטיטשקער, דאָרט וואו דו ביזט!
דאָס מעשה׳לע דערציילן מיר איז גאָר געווען אומזיסט,
ווייל דער וואָס קוקט צום הימל, וואו א פויגל פליט,
צי אויף דער לאַנקע, וואו א טייכל שלענגלט זיך אין ציט
דערציילנדיק אים מעשה׳לאַך, וואָס טרעפן אין דער ווייט,
ווען נאָענט ביי זיין זייט
אַ בלאָנד־געלאָקטע מיידל זיצט, ווי לעבן מיר אַצינד,
מוז זיין אַ גרויסער נאַר, צי נאָך אַ קינד
אָדער גאָר שוין איינגעבויגן גיין דעם קאָפּ צו דר׳ערד,
ווי דו, העי, ליבער אַלטיטשקער, וואָס האָסט די מעשה
אויסגעקלערט.

# נו זע.

אוי, סאַראַ אומעט קוקט אַרוים פון דיינע אויגן,
גלייך, ווי אַ קראַ וואָלט פלוצלונג אַנגעפלויגן
און אַזאַ שלעכטע בשורה דיר אָנזאָגן.
נו זע,
ווי קאָן אַ מענש זיך דען באַקלאָגן,
ווען אין אַ שוואַרצע נאַכט און דורך טומאַנען
איז נאָך אַ גוטע האָפענונג פאַראַנען,
אַז ערגעץ אין אַ הויז איז אַזאַ ליכטיקייט צעגאָסן,
און אויף אַ בענקעלע אַ קינד מיט הערעלאך צופלאָסן
שטרעקט אוים די קליינע הענטלאך צו אַ טאַטע-מאַמען,
וואָס האָבן נאָך אַליין, ווי קינדערלאך צוזאַמען
ביים וויים-געדעקטן טיש, אינמיטן עסן
מיט נאַרישקייט און שפּילצייק זיך פאַרגעסן.

אוי, סאַראַ אומעט קוקט אַרוים פון דיינע אויגן,
גלייך עמעץ וואָלט אַ נעץ פאַר דיינע פּים געצויגן,
און נאָך די טריט זיך דיינע יאָגן.

נו זע,
ווי קען אַ מענש זיך דען באַקלאָגן,
ווען אַרום אים איז אַזאַ שטילע פרייד צוגאָסן —
אַמאָל, אַמאָל איז ערגיץ-וואו אַ טייכל שטיל געפלאָסן
און אויפ׳ן טייכל איז אַ ווייסער שוואַן אַרומגעשוואומען.
נו, איינמאָל איז אַ יעגער אָנגעקומען
מיט נעצען און מיט שאַרפע פייל און בויגן.
און ווי עס האָבן זיינע אויגן
דעם שווימענדיקן שוואַן אין טייך דערזען,
איז גלייך געשען דאָס, וואָס האָט געדאַרפט געשען.

אַ יעגער האָט אין טייך אַ ווייסן שוואַן געפאַנגען
און זינגענדיק איז ער מיט אים אַוועק געגאַנגען.

# זי איז אוועק

זי איז אוועק.
עס הילכן נאָך די טריט אין קאָרידאָר
א בלייך געזיכט
און ווייכע לאנגע בלאָנדע האָר
און בויג איך איין צו איר מיין קאָפּ
לאָזט זי שעמעוודיק אירע אויגן טיף אראָפּ
און מורמלט עפּעס שטיל,
אז קאָנסט איר מורמלען ניט פארשטיין.
זי איז אוועק
און איך בין דאָ אליין, אליין.

איך הויב זיך אויף.
צעווארפן קוקט אויף מיר מיין בעט
און מיר אנטקעגן אויפ'ן וואנט
דער זייגער ווייזט : שוין שפּעט.

איך מאך א פענסטער אויף
עס נעמט זיך שפּילן אויף מיין קאָפּ
אַ לייכטער, שפּילעוודיקער ווינט
און גלעט מיך, ווי א מאמע גלעט איר קינד
און איך, א שווייגנדיקער, הער זיך איין צום קאָרידאָר, —
א בלייך געזיכט
און ווייכע לאנגע בלאָנדע האָר.

ז. וויינבער

# א ווייסע

איך האָב אין שלאָף דיך אזא ווייסע היינט געזען.
די האָר געווען ביי דיר אין צעפּ פאַרפלאָכטן,
און ווי א טויב פון חלף ניט דערשאָכטן
ביזסטו א בלייכע אויף דיין בעטל שטום געלעגן
און איך — דעם קאָפּ געבויגן דיר אנטקעגן
האָב מיט די פינגער מיינע האָר געריסן
און אויסגעשריגן בייז : — עס איז אַ גרויסער ליגן
און דאַן די צונג ביז בלוט פאַרביסן
און אַ פאַרמאַטערטער געשוויגן.

# ערגעץ זיך פאַרלירן.

איינמאָל נאָר דאָס ליכט פון דיינע גוטע אויגן
זאָל מיין מידן קאָפּ נאָך גלעטן
און דערנאָכדעם גאָרניט, גאָרניט בעטן
נאָר דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן
שטום דיין שוועל אריבערטרעטן.

איינמאָל נאָך אָן דיינע דינע, פיינע פינגער
אָט אזויאָ, מיינע הענט באַרירן
און דערנאָכדעם זיך פאַרלירן.
פון דעם טוי נאָך לייכטער, גרינגער
ערגעץ זיך פאַרלירן.

## סיי דו און סיי איך.

דורך טעג און דורך נעכט
נאָר פרעג איך ביי זיך
ווער איז דאָ גערעכט,
צי דו, אדער איך?

דורך טעג און דורך נעכט
נאָר ענטפער איך זיך,
אזביידע גערעכט,
סיי דו און סיי איך.

ז. וויינבער

## זאָל זיין אזוי

זאָל זיין אַזוי.
דער יעגער האָט שוין סיי ווי סיי
די ווייסע ביינקענדיקע שוואַן
פון נעץ באַפרייט,
און פילנדיק זיך אויף דער פריי
האָט אין דער ווייטער-ווייט
די ווייסע ביינקענדיקע שוואַן
די פליגל אויסגעשפּרייט אין וועג.

זאָל זיין אַזוי.
איך מאַך דאָס מעשה-ביכל צו,
און צינד אַ פּאַפּיראָס זיך אָן,
די ווייסע ביינקענדיקע שוואַן
שווימט ווידער אויף אַ טייך שוין וואו,

העי, ווייסע בענקענדיקע שוואַן,
עס ציט דעם פייל און בויגן אַן
אַן אַנדער יעגער אויפ׳ן ברעג.

זאָל זיין אַזוי.
איך ציִ זיך אויף דער סאַפּקע אויס,
און פונ׳ם פּאַפּיראָסען רויך
די ווייסע, בייענקענדיקע שוואַן
שווימט בייענקענדיק פאַר מיר אַרום.
— מיין ווייסע, בייענקענדיקע שוואַן,
אַט ווייזטו מיר זיך פון דער הויך,
אַט שווימסטו אין דער לופטיקייט אַוועק.

זאָל זיין אַזוי.

# רב יצחק׳ל בעל תפילה.

ערב יום-כפור
האָט מען אינ׳ם רבינ׳ם בית-המדרש
צעבּיסלאך ווייַן געטרונקען.
לאָזט דערפאר רב יצחק׳ל בעל-תפילה
וואַקלנדיק זיך פון די בית-המדרש טרעפּ ארונטער,
זעט ער — אויסגעבלייכטע אידן,
איינגעזעקשנ׳טע און שטילע,
מיט די פאַלעס ברייט צעפלאָסן
איילן זיך און איילן.
פאַלט אים איין,
אז אָט אזוי אוודאי
מוזן אויך די פיש אין ימים
ציטערן אויף גאַנצע מיילן,
ווען עס רוקט זיך אָן א שטורעם.

טראַכט רב יצחק׳ל בעל תפילה
פון א גרויסן, שטאַרקן אָרעם,
וואָס זאָל קאָנען זיין קהלה
אונטער זיך ארונטער נעמען.
און ער פילט,
ווי אָפּשטעלן פון עולם וועמען
און אים זאָגן : —
„איך רב יצחק׳ל בעל תפילה
בין א זקן און א חלוש
און איך קאָן אויף זיך אזוינס ניט נעמען״.
אָט אזוי אָ זאָגן
און דערנאָכדעם זיך צעמישן,
ציטערן מיט זיי צוזאַמען.
פּלוצלונג נעמען זיך פאר זיינע אויגן דרייען
שטיבער, מארק און קלייטן
און דערנאָכדעם ברייט און ברייטער
נעמט אָ סאָד פאר אים זיך שפּרייטן.
פאַלט אים איין,
אַז פאַר אָ דרימל
איז זיין ווייך געבעטע סאָפקע

## לאו דוקא

הויבט ער אויף די הענט צום הימל.
איז עפּעס גלייך מיט אים געשען
און ער האָט נאָענט ארום זיך דערזען:
אַן אַ שיעור באַמאָלטע זאַלן,
ווענט פון ליכטיקע קאָלירן,
אידן אָנגעטאָן אין קרוינען,
וועלכע מינען זיך, ווי שטראַלן
שטייען ביי די ברייטע טירן.
ווילט זיך אים א שוועל באַטרעטן.
האַלט אַ שווערד ווער אויסגעצויגן.
הויבט ער אָן צו וויינען, בעטן ,
ווערט פון שווערד א ווייסער מלאך
און ער נעמט אים מיט הכנעה
דורך די זאלן פירן.
גייט ער, גייט ער, גייט ער
ביז ער זעט זיך אין אַ גאָרטן: —
ווייכע, גלאַטע, גלייכע בייטן
אויסגעשפּרייטע דאָ און דאָרטן
און אויף זיי אזויפיל קוויטן

שאָקלען זיך און וויגן.
שטוינט רב יצחק'ל בעל־תפילה —
וואָס זאָל אַלץ אָט דאָס באַטייטן?
פּלוצלונג זעט ער אים אַנטקעגן
קומען רייטער אָן צו רייטן —
דורות אַלטע, גרויע זקנים.
הויבט ער אָן צו דר'ערד זיך בוקן
און מיט טרערן אין די אויגן
בעט ער זיך ביי יעדן איינעם:
— איר וואָס טראָגט דעם סוד פון צייטן,
זאָגט מיר ליבע, אַלטע זקנים,
וואָס זאָל דאָס באַטייטן?

— יעדע קוויט — א ריינע תפילה
פון אַ אידיש האַרץ דורך טרערן.
— יעדע בוים איז א קהלה,
גיבן זיי אים צו דערקלערן.
נעמט רב יצחק זיך פרייען —
יעדע קוויט א ריינע תפילה,

ווען ער גלייך זיין קווייט דערזען
און די בייט אויך פון זיין קהלה.
לאָזט ער גיין זיך צו די בייטן
מיט אזוי פיל פרייד אין הארצן.
פּלוצלונג האָט זיך אלץ פארצויגן,
אוים דער גאָרטן,
אוים די קווייטן
און ער עפנט אויף די אויגן.

וואו־זשע איז דער שיינער גאָרטן
מיט די גרויע אלטע זקנים?
זוכט זיין בליק אום דאָ און דאָרטן.
זעט ער זיך אין גלח׳ם סיידל.
שטוינט רב יצחק׳ל מיט ציטער
און ארום אויף בוים און גראָזן
האָט די נאַכט, אַ בלויע, שטילע
טיף זיך שוין אַראָפּגעלאָזן.
נעמט ער זיך פון גראָז אויפהויבן
און ער קוקט פון סאָד אריבער.

— וואָס־זשע קוקן איצט די שויבן
אזוי העל פון אלע שטיבער ?
און דער רעש פון בית־המדרש
טראָגט צו אים זיך פון דער ווייטן.
שטוינט רב יצחק׳ל בעל־תפילה —
וואָס זאָל דאָס באַטייטן ?
פלוצלונג האָט אים אין די שלייפן
אזא קלאפּ געגעבען :
— יום כפור היינט... כל נדרי...
האָט זיך אים דאָס הארץ געהויבן
— יום כפור... סטייטש... כל נדרי..
און אַ גרוים געוויין האָט זיך פון סידל
אין דער נאכט אריין געהויבן

י. וויינבער

# מיין היים.

מיין היים.
אין ווייטע לענדער בלאָנדזשענדיק אליין,
גייט אויס מיין הארץ נאָך דיינע ווענט פון ליים
און אויוועלע פון רויטן אָפּגעברענטן שטיין.

די סטעליע דורך און דורך מיט געלן אויסגעפלעקט
פון רעגענען, וואָס נעצט דורך איר אַריין,
די שויבן דאָ און דאָרט מיט וואָס פארשטעקט,
עס שיינט גאנץ אָפט דורך זיי ניט דורך קיין שיין.

און קומט די נאכט — די שאָטנס אויף די ווענט,
די מאמע מאכט צורעכט ביים לאָמפּ א העמד
און אויפ'ן בעט—מיין שוועסטערל מיט איינגעשמירטע הענט
די בלאָנדע לאָקן אירע ניט פארקעמט.

א מויז שאַרט ציטעריק זיך אויפ'ן דיל,
די מאַמע לאָזט דאָס נייען אָפּ פארטראכט
און אויף א בענקל זיץ איך אין דער שטיל
און שרעק זיך פאר דער מויז און פאר דער נאכט.

## אַלץ וואָלט זי געזען.

ווי וואָלט איך וועלן זײַן הײַנט בײַ מײַן מאַמען
אַ שווײַגנדיקער, אַט אַזוי צוזאַמען
זיצן בײַ דעם טיש מיט איר.
איך וואָלט מײַן קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
געפילט דעם ווייכן בליק פון אירע אויגן,
איר ווייכן בליק אויף מיר.

עס וועט אַ מאַמע דאָך ניט פרעגן
אַ וואו, אויף וועלכע שלעכטע וועגן
עס איז איר קינד געוועזן.
זי וואָלט איר קאָפּ צו מיר בלויז צוגעבויגן
און מוטערליך געקוקט מיר אין די אויגן
און אַלץ וואָלט זי געזען.

ז. ווײַנפּער

# מאַמע.

האָסט צוגעדעקט מיך מיט דײַן וואַרעם קלייד,
אַ ריר געטאָן מײַן קישן מיט דער האַנט
און אויף די שפּיצן־פינגער שטילערייט
ביזטו אַוועק אין ווינקל צו דער וואַנט.
אַ לעמפּל האָט אין ווינקל מאַט געברענט
און פעדערן געפּליקט, געפּליקט געשווינד
האָסטו מיט דײַנע ציטעריקע הענט,
מיט דײַנע בלייכע ציטעריקע הענט,
פאַר מיר דײַן קינד.

# טױבן

טױבן שטײען בײַ מײַן פענסטער,
װײַסע טױבן צװײ —
עפענען װעל איך דאָס פענסטער,
עפענען פאַר זײ.

אין מײַן בחור׳שען צימער
װאױנען װעלן זײ.
װאָרקען װעלן אין מײַן צימער
װײַסע טױבן צװײ.

אין די נעכט פון שװערן אומעט
װאָרקען װעלען זײ.
אין די נעכט פון שװאַרצן אומעט
װײַסע טױבן צװײ. . . .

# דאָס ווינטעלע פון דרום

שטיל געוואָרן איז דער שטורעם
און דער הימל בלוי און ריין,
און אַ ווינטעלע פון דרום
רופט אין גאַס שפּאַצירן גיין.

שטרעק איך אויס צו איר מיין אָרעם
וויל זי דוקא זיין אַליין,
און דאָס ווינטעלע פון דרום
רופט אַזוי שפּאַצירן גיין.

# זינגענדיק

זינגענדיק,
טרייסט זיך די וועלט, די פאַרוואונדעטע.
און דורך געזאַנג
עפענען ברייט זיך די הענט, די געבונדענע,
זינגען מיר, זינגען מיר, זינגען מיר,
און אַלע וועלטן פאַרקלינגען מיר.

זינגענדיק,
היילט זיך די וועלט, די פאַרבלוטיקטע.
און דורך געזאַנג
ווערן די הערצער געמוטיקטע.
זינגען מיר, זינגען מיר, זינגען מיר.
און אַלע וועלטן פאַרקלינגען מיר.

זינגענדיק,
וואַכט אויף די וועלט, די פאַרמאַטערטע.
און מיט געזאַנג,
פרייע, ווי פאָנען אין לופטן, צעפלאַטערטע,
זינגען מיר, זינגען מיר, זינגען מיר,
און אַלע וועלטן פאַרקלינגען מיר.

# גלויביקע

גלויביקע,
מיט אויגן צעעפנטע
און קינדעריש קוקנדע
גייען מיר
גייען מיר
גייען מיר
איבער דער וועלט — דער פארוואנדעטע
און דורך די וואונדן
זעען מיר,
זעען מיר,
זעען מיר,
אים אין זיין ליכטיקייט
שיינענדיק,
בלענדנדיק
און הענט אויף אהינטער געבונדענע
און טיף פאר זיין פנים זיך בוקנדע
זינגען מיר,
זינגען מיר,

זינגען מיר,
א שבח צו זיין ליכטיקייט
און הענט אויף אהינטער געבונדענע.
און טיף פאר זיין פנים זיך בוקנדע
זינגען מיר,
זינגען מיר,
זינגען מיר,
אַ טרייסט צו דער וועלט — דער פאַרוואונדעטע
פון אים און אין זיין ליכטיקייט
און הענט אויף אהינטער געבונדענע.

# אין באַן

די באַן האָט זיך געיאגט
און איך בין אין דער באַן געזעסן
און פונקט אנטקעגן מיר
אין קאָלירן בלאָנד און בלוי
זיצט דער פרילינג
די בלאָנדע אויגן ברייט צעעפנט,
דאָך קוקט ער אָן אַ זייט
און שעמט זיך פאר מיין בליק.
נו, נעם איך אים ארונטער אויף צוריק
און צום געזאַנג פון יאָגנדיקן באַן
צעזינגט זיך אויך מיין הארץ
פרילינג!
פרילינג!
פרילינג!
נאָר ווען האָט זיך די באַן געשטעלט?
ניטאָ שוין מער דער פרילינג קעגן מיר
און אויף זיין אָרט
א רויטלאָך ברוינער זיצט דער זומער.

אן אָפּגעברענטער פון דער זון,
קוקט ער מיט זיינע לאַכנדיקע אויגן,
אזוי ארויסרופנדיק אויף מיר.
האָב איך צו אים זיך צוגעבויגן
אַ טרייסט ביי אים אין שוים
נאָך דעם בלוי-בלאָנדן פרילינג
געוואלט געפינען,
נאָר אומבאַמערקטערייט
האָט אויך דער זומער מיך פארלאָזט
און אויף זיין אָרט,
ווי פון אַ פייכטן ווינט געבלאָזט
האָב איך דעם הערבסט דערפילט ;
דעם פייכטן קאַלטן הערבסט.

אָט אזאַ-אַ מעשה'לע
וועל איך מסתמא זיך אליין דערציילן,
ווען דאָס בלאָנדקייט פון מיין אויסזען
וועט אויף גרוי זיך בייטן,
אָבער איצטער בין איך דאָך נאָך בלאָנד !
אָבער איצטער בין איך דאָך נאָך בלאָנד !

# די מעשה מיט׳ן גובערנאַטאָר

בײַ דער גרעבליע
איז פאַרצײַכנט אויפ׳ן ברעטל,
אַז עס וואוינען אינ׳ם שטעטל
הונדערט-נײַנציק מאַנספערשוינען.
דאַרף זיך אָבער אײנמאָל מאַכן,
פונקט אַרום יום-טובים-צײַטן, .
פאָרט פאַרבײַ דער גובערנאַטאָר.
און כידוע איז דאָס שטעטל
דאַמאָלס אָנגעפּאַקט מיט חסידים.
בלײַבט ער שטײן און קוקט מיט שטוינען
אויף דער פרייד און רעש פון שטעטל
וואָס פאַרמאָגט אַזאַ מין ברעטל.

— וואָס זאָל אַלץ דאָס באַטייטן?
הויבט דער שטרענגער גובערנאַטאָר
ביי דעם פּריסטאַוו אָן צו פרעגן.
— וואָס זאָל אַלץ דאָס באַטייטן?
און ער נעמט אים מיט דער האַנט באַווייזן
צו דעם מאַרק צו, קעגען־איבער,
וואו פאַר אַלע קלייטן, שטיבער
אידן אין געדיכטע קרייזן שטייען. . .
— הונדערט־ניינציק מאַנספערשוינען!
טייטלט ער אים אויף די קרייזן,
— הונדערט־ניינציק מאַנספערשוינען!
נעמט ער זיך אַ וואָנצע דרייען,
ווי די מייזלאַך אין די היילן
קאָן מען זיי ניט איבערציילן.

און דער פּריסטאַוו אויסגעצויגן,
פינטלענדיק מיט ביידע אויגן,
שטייט דערשראָקן און צוטראָגן
און ער ווייס ניט וואָס צו זאָגן.

— „פּראַזדניק, ראַבין, גאָט צו לויבן“ —
פּרוּאוּט ער געבן צו דערקלערן,
און צוויי פינגער אויפגעהויבן
צו זיין גלאַנצנדיקן שטערן
שטייט ער גלייך און אויסגעצויגן
און ער פינטלט מיט די אויגן.

— „שטאָ זאַ פּראַזדניק, שטאָ זאַ ראַבין?“
שטעלט דער בייזער גובערנאַטאָר
אויס אויף אים צוויי ווילדע אויגן,
— „שטאָ זאַ פּראַזדניק, שטאָ זאַ ראַבין?“
און דער פּריסטאַוו אויסגעצויגן,
פינטלענדיק מיט ביידע אויגן,
הויבט די פינגער צו דעם שטערן
און ער פּרוּאוּט אַזוי דערקלערן: —
אַז דאָס זיינען פרעמדע מענטשן,
אָנגעקומענע פון ווייטן
אויף דעם נייעם יאָר זיך בענטשן,
און עס פירט זיך שוין פון צייטן,

אז דער ראַבין פונ'ם שטעטל
זאָל די אַלע פרעמדע אידן
יעדעס יאָר זיין ברכה געבן:
מיט געזונט און גליק און פרידן
זאָלן זיי דאָס יאָר אויסלעבן.
טראַכט ווער שלעכטס אויף זייער הארצן
קריגט ער גלייך אַ סוף אַ שווארצן.

— „זשידעס, ראַבין, שטאָ זשע עטאָ?"
האָט זיך שטרענג דער גובערנאַטאָר
אויפ'ן פריסטאַוו הויך צושריגן.
— „זשידעס, ראַבין, שטאָ זשע עטאָ?"
וואָס האָסטו ביז איצט געשוויגן
און די זשידעס מיט'ן ראַבין
אין דער קאָזע נים פאַרנומען?
— ברענג אהער געשווינד דעם ראַבין —
האָט נאָך בייזער ער גענומען
ביידע וואָנצעס זיינע דרייען,
— שוין זאָל איך דעם ראַבין זען!

איז אַ ציטער דורכגעלאָפן
דורכ'ן גאַנצן שטעטל,
ווען דער קלאַנג האָט זיך צעטראָגן,
און געלאָפן
זיינען אַלע תהלים זאָגן.
ווייבער האָבן זיך נדרים
שטיל געגעבן
און די קינדער אין חדרים
האָבן אויך פאַר „אים" זאָל לעבן
אין דער שטיל פאַרגאָסן טרערן,
אַז ער זאָל גלייך ניצל ווערן.

ער נאָר איינער, „ער" זאָל לעבן,
האָט זיך דווקא ניט געשראָקן.
האָט זיך נאָר געהייסן געבן
אַ פּאָר נייע ווייסע זאָקן
און דאָס מאַנטל מיט קוויטן.
מיטגענומען אַ פּאָר זקנים,
אַז זיי זאָלן אים באַלייטן
און איז גלייך מיט זיי אינאיינעם

צו דעם בייזן גובערנאַטאָר
שטיל און שטאָלץ אַוועקגעגאַנגען.

און אַ וואונדער איז געשען,
שטייט אין פּנקס דאָרט פאַרשריבן.
ווי דער בייזער גובערנאַטאָר
האָט דעם רבי'ן נאָר דערזען
איז ער פּלוצלונג שטיין געבליבן.
„אים" זאָל לעבן פּונקט אַנטקעגן
אַ פאַרבלייכטער און צושראָקן,
און הכנעה'דיג געבעטן
„ער" זאָל לעבן
זאָל אים נאָר זיין ברכה געבן.

פּונקט איז דאַן די זון פאַרגאַנגען,
שטייט אין פּנקס אויך געשריבן,
ווען עס האָבן מיט געזאַנגען

אידן זיך אין שול פאַרקליבן
גאָט צו דאַנקען און צו לויבן
פאַר דעם נס, וואָס איז געשען
האָבן אַלע צוגעזען,
ווי אַ קאַטש האָט זיך געהויבן
באַרג אַרויף און זיך געטראָגן
ווייטער ווייטער פונ׳ם שטעטל,
וואָס פאַרמאָגט אַזאַ מין ברעטל.

# אָרום דאָרף

ז. ווײַנפּער

# נאָך אַלעמען

נאָך אַלעמען איז גאָרניט אַזוי שלעכט צו לעבן.
שטייסט אויף פֿרימאָרגן דערפֿילסטו ווען אַבצוגעבן
אַ לויב דערפֿאַר, וואָס דורך די שויבן
שיקט ווער דיר אַזאַ ליכטיקייט פֿון אויבן.
און מאַכט זיך ווען ניט ווען
אַ טאָג פֿאַרוואָלקנט אין טומאַנען
איז אויך אין דעם קיין אומגליק ניט פֿאַראַנען.
צינד אָן דאָס אויוועלע
און לאָז זיך עס צוברענען
און דו וועסט קענען פֿלאַם אַליין זיך ניט דערקענען.
וועסט זיצן אויף אַ שטול
דעם אויוועלע אַנטקעגן
און חלומ'ען פֿון ווייטע גרין־באַגראָזטע וועגן,
וואו שטיבלאַך אין העל־פֿאַרביקע קאָלירן
צעוואָרפֿן ליגן דאָ און דאָרטן אָן אַ סדר,

און פאַר די ברייט־צופּראַלטע טירן
די מיידלאַך אין די לייוונטענע קליידער
פאַרטראַכטע קוקן, ווי די זון לאָזט גאָלדיק זיך אַרונטער
און מיט דעם אייזען שאַר די קוילן אַלע ווײַלע אונטער,
אַז רויטער זאָלן זיי זיך אינ׳ם אויוועלע צעצינדן
און די טומאַנען וועלן ווײַט פון דיר פאַרשווינדן.

ז. וויינבער

# אַ שטילער וועג

א לאנגער שטילער וועג
און הויכע בוימער ביי די זייטן.
ווי גוט וואָלט זיין דאָ אויף א פערד פּאַוואָליע רייטן
און לאָזן אין דער וויטער-ווייט אַזוי אַוועק די אויגן
און וואָלט מיט רעש פון ערגעץ-וואו א פויגל אנגעפלויגן
וואָלט איך אַ „הוק" געטאָן אויף אים — דעם פויגל,
דעם פארשייטן
און וואָלט זיך ווייטער אויף מיין פערד פּאַוואָליע רייטן.

א שטיין.
איך גיי א מידער צו און פאל אויף אים אנידער.
פון וועג און שטיינער זיינען מידע אלע מיינע גלידער.
איך שטרעק די הענט אויס צו א בוים און גיב א ריר
די צווייגן,
און א גערויש לויפט דורך און באלד א טיפער שווייגן
נעמט אלץ ארום : — דעם בוים און מיך און אויך דעם
וועג, דעם וויטן,
ווי גוט וואָלט זיין דאָ אויף א פערד פּאַוואָליע רייטן.

# אַ דאָרף

אַ דאָרף.
באַזונדער ליגן זיך די כאַטקעס דאָ און דאָרטן.
אַ קלויסטער שטייט אינמיטן פון אַ גרויסן, גרינעם גאָרטן.
די זון גייט אויף און אויפ׳ן קלויסטער שפּיגלען זיך די
שטראַלן,
און פון די גרוי מיט מאָך באַדעקטע שטאַלן
די שקצים מיט די בייטשן אין די הענט, כּמעט נאָך קינדער,
צעפירן אין די טשערעדעס די פעטע שאָף און רינדער.

דו גייסט פאַרביי.
און שטויביק־גרויע זיינען דיינע קליידער.
אַ פּויער גריסט דיך. באַלד אַ צווייטער און אַזוי כּסדר.
אַ גויע מיט אַ קריגל־וואַסער קומט דיר אָן אַנטקעגן
באַגריסט דיך גוטמוטיק און נעמט דיך פרעגן: —
וואוהין דו גייסט און אויב דו ווילסט זיך אָפּרוען, דו מידער;
אין שטוב איז ברויט גענוג פאַראַן און אַלע זיינען ברידער.

ז. ווײנפּער

# הײליקע בילדער

פיר אויסגעווײסטע ווענט,
און אַלץ איז דאָ צוזאַמען:
דער טיש, דאָס בעט און אויך די קיך, און אין געפּאַרבטע ראַמען
פון הײליקע די בילדער זײנען אויף די ווענט צעהאַנגען.
אַמאָל, אַמאָל איז אויף אַ פעלד אַ הײליגער וואוהין געגאַנגען,
האָט אים אינמיטען וועג אַ ווילדער לעמפּערט אָנגעטראָפן
איז באַלד דער לעמפּערט פאַר זײן הײליקײט אין טיפן וואַלד אַנטלאָפן.

און יעזוס קוקט אויף מיר
מיט זײנע טונקעלע און שטילע אויגן.
זײן יונגער קאָפּ איז מיט אַ קראַנץ באַדעקט און צוגעבויגן
צו זײנע פיס אַ פרוי ווישט אָפּ דעם שטויב פון זײנע קלײדער.

### ביי דער ג׳רעבליע

און איך דערזע זיך מיט־אמאָל א אינגעלע אין חדר
דער רבי, גלייך ער וויל ניט וועמען פונ׳ם שלאָף אויפוועקן
דערציילט אונז עפּעס שטיל און קלויסטערס שרעקן
אונז און שרעקן

# קאַרטאָפליעס מיט דער שאָל

קאַרטאָפליעס מיט דער שאָל.
עס טראָגט אַ פּאַרע זיך פון אויבן.
און ברויט טראָגט אויך די גויע צו און הערט ניט אויף
צו לויבן,
ווי גוט עס איז ביי איר צוליב מיר אלץ געראָטן
און אויב איך וויל וועט זי פאר מיר אויך אייער
לייגן בראָטן.
אַ שיקסע קומט אריין און נעמט דער גויע עפּעס פרעגן
און זעצט זיך אויף אַ ווייסע באַנק אנידער מיר אנטקעגן.

אַ קודלעוואַטער, געלער הונט
האָט נעבן אירע פיס זיך אויסגעצויגן
און, ווי דער הונט קוק איך אויף איר מיט גליענדיקע אויגן,
זי טוט אַ לאַך און בויגט דעם קאָפּ איין צו די שויבן.
אַ שיינער וועטער — זאָגט זי — וועט זי גיין היינט
שוואָמען קלויבען.
און אויב איך וויל וועט זי מיך ביז צום שמאָלן וועג באַלייטן
און מיט די פינגער גלעט זי אויפ'ן סאַראַפאַן די קווייטן.

# אַ גאָלדן פישל

אַביסעל אָפּגערוט די פיס
און ווייטער, ווייטער זיך געגאַנגען.
עס וויגט אַ לייכטער ווינט זיך אויף די זאַנגען
און גוט איז מיר זיך אַלע רגע אָפּצושטעלן
און חלומ׳ען פאַר זיך,
אַז אָט די זאַנגען זיינען וועלן,
וואָס ציען אין אַ ים זיך ווייט אויף גאַנצע מיילן,
און איך אַ מענטש, וואָס האָב זיך ניט וואוהין צו איילן,
מעג דאָ ביים ברעג זיך שטיל אַנידער זעצן
און חלומ׳ען, און חלומ׳ען
פון דינע זייד-געוועבטע נעצן,
וואָס קאָנען ביז די אָפּגרונטן דערלאַנגען
און דאָרט פאַר מיר אַ גאָלדן-פישל פאַנגען.

און אָט איז ערגעץ-וואו אַ פויגל דורכגעפלויגן
און ברייט אַזוי צעעפן איך די אויגן
און קוק, ווי לייכט עס שוועבן זיינע פליגל —

ז. וויינבער

אמאָל, אמאָל האָט ערגעץ אין א וויגל
א שלאָפנדיקעס קינד געזען אין דרימל
און אומבאַפלעקטע זון,
און אַזאַ בלויען הימל,
ווי אָט אָט דער, וואס איבער מיר איז איצט פארצויגן,
און איבער זיין געזיכט
און דרעמלענדיקע אויגן
צוויי הענט צעשפרייט,
ווי אָט די פליגל, וועלכע שוועבן
שוין ווייט פון מיר, אָט דאָרט —
צו דעם האָריזאָנט דערנעבן.

WORKERS CO-OP.
LIBRARY
2700 Bronx Park East

## די זון גייט אויף

די זון גייט אויף,
און גאָלדיק ווערט דאָס גראָז אין וואַלד.
אַ שטילער שאָרך לויפט דורך,
און באַלד
ווערט פול די לופט מיט אזא קלינגענדיק געזאַנג.
איך הויב זיך אויף פון דר'ערד,
און לאָז זיך פונ'ם וואַלד אַרויס.
און פאַר די אויגן מיינע שפּרייט זיך אויס
אַ קאָרן־פעלד —
אי געל, אי גרין,
זיך וויגנדיק, אין מאָרגן־ליכט, אהער און הין.

די זון גייט אויף,
און שווייגנדיק גיי איך און טראַכט: —
עס האָט אַ מענשנס האַנט דאָס אַלץ פאַרזייט.

און לאָזנדיק עס דאָ אויף גאַטס באַראַט,
זיצט ער אודאי אויף דער פּריזבע פון זיין הויז אַצינד,
דעם שווערן קאָפּ אָן וואַנט געלענט,
און פּופּקעט שווייגנדיק און פויל
די לולקע־ציבוק אין זיין מויל.
און דאָ די זון מיט גרוים גענאָד
גייט גאָלדיק אויף,
צום הימעל הויך אַרויף,
און הילט אין פריידיק העלער־שיין
די שווערע אַרבעט זיינע איין.

## גוט מאָרגען!

די זון גייט ביים וואלד אויף
אַלץ רויטער און רויטער.
די ראָסע צוגייט זיך
אַרום אַזוי לויטער.

צוויי אָקסען — די הערנער
אַרונטער געבויגן,
אין וואָגן אַ פויער
פאַרזשמורעט די אויגן.

דערפילסטו ווי ווען
„גוט־מאָרגן" צו זאָגן,
און וואַרפסט אים אַריין גלייך
צום פויער אין וואָגן.

י. וויינבער

נו, פרעגט ער אזוי זיך,
פון פריינדליכקייט וועגן —
וואוהין גייט עס איצטער
אַ מענש אויף די וועגן?

און ערגעץ צעציט זיך
אַ רוף פון אַ האָרן,
אַ פויגל לאָזט רעש זיך
אַרונטער צום קאָרן.

# אַ שטיבל.

צווישן בערג און צווישן טאָלן
ערגיץ ביי אַ בלויען ים,
שטייט אַ ווייס פאַראיינזאַמט שטיבל
און אַרום פון האָלץ אַ צאַם.

שלעפּט זיך ווען פאַרביי אַ מידער,
פירט אַ סטעזשקע גלייך אַהין.
בלויע בלימלאַך ביי די זייטן,
און אַרום איז טונקל־גרין.

האָט דאָס שטיבל קליינע פענסטער,
און אַן אַלטע, גרויע טיר,
שטעלט זיך אָפּ ביי איר דער מידער
און ער טוט אַ קלאַפּ אָן איר.

— עפנט אויף און גיט אַן אָפּרו, —
רופט ער מיט זיין מידן קול.
— עפנט אויף און גיט אַן אָפּרו, —
חזר׳ט איבער באַרג און טאָל.

עפנט זיך די טיר פּאַנאַנדער,
און דורך איר אַ בלאָנדער קאָפּ
בוקט זיך פריינטליך פאַר דעם מידן,
נעמט פון אים דעם פּאַק אַראָפּ.

בלאָנדע לאָקן, רויטע באַקן,
און די אויגן, גאָט, ווי בלוי.
טראָגט אים צו אַ ריינעם בענקל,
זאָגט אים: זעצט זיך אָט אַזוי.

אַלע ווענט מיט פעל באַצויגן,
דורכ׳ן פענסטער רוישט דער ים,
אין אַ ווינקל אויפ׳ן אויוון,
פלאַקערט אויף אַ רויטער פלאַם.

שטעלט דאָס מיידל צו אַ טעפּל,
מאַכט אַן עסן פֿאַר אים גרייט.
אויפֿ'ן טיש אַ לייוונט טישטוך
איז פֿון פֿריער אויסגעשפּרייט.

קוקט צו אַלץ זיך צו דער מידער,
ווערט אים אויפֿ'ן האַרצן גוט.
שליסט ער זיינע מידע אויגן,
דרימלט איין אויף אַ מינוט.

ביז דאָס גוטע, בלאָנדע מיידל
ציט זיין אַרבל ביי אַ ברעג.
שטייט ער אויף צום טיש געגרייטן,
בענטשט דאָס שטיבל אויפֿ'ן וועג.

# אָ לעבן!

אָ לעבען.
ווי ליב איך האָב עס יעדעס אות אין דיין געבוי.
אפריער קומט די קלינגענד-זינגענדיקע: „ל" —
לאַ-לאַ! לאַ-לאַ!
לאַ-לאַ! לאַ-לאַ!
און דערנאָכדעם שפּרייט און ברייט זיך מיר די: „ע" —
הע-הע! מע-בע!
טערעמבעם — בעם, בעם!
דאַן קומט די שווערע: „ב"
בים-באַם! באָם-באָם! —
און אחרון אחרון חביב,
קומט די נשמה'דיקע: „נ"
נאַ-נאַ... נו-נו...

אָ לעבן,
ווי ליב איך האָב עס יעדעס אות אין דיין געבוי.
איך כאַפּ אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל

און זע אַ קרעפּטיק־יונגען פּנים
מיט אַ קאָפּ געקרויזטע בלאָנד־פאַרברוינטע האָר,
פאַרגעס איך, אַז איך בין אַ יונגערמאַן
שוין קרוב דרייסיק יאָר,
און זינג,
און שפּרונג —
לאַ־לאַ, לאַ־לאַ!
העי־הע! מעם־בעם!
בים־באַם! בים־באַם!
און דאַן פאַרגיי איך זיך
אין אַ נשמה׳דיקן: —
נאַ־נאַ... נו... נו...

ז. וויינפער

# משה הערשקע

ס'איז הדבר הידוע,
אז די פריצים פון אוקראינע
האבן ניט געקאנט באגיין זיך
אן דעם אידן משה הערשקע,
אבער מער פון אלע פריצים
איז געווען צו אים פארבונדן
פאן פון ליטן גראף ארזשעשקע.
פלעגט אמאל פון ווייטע לענדער
אנקומען א גרויסער סוחר
און געוואלט די פי באטראכטן
אויפ'ן פעלד, צי אין די פאכטן, —
אומעדום רב משה הערשקע.

האט רב משה הערש צופרידן
זיך געפירט אין דארף זיין לעבן.
פלעגן דורכפארן אידן,
האט ער עסן זיי געגעבן .

און דעם קאָפּ אַוועק צו לעגן.
שטענדיק איז געווען פאַר יעדענס וועגן
אָנגעגרייט פון היי פון פרישן,
סיי אַ סעניאַק סיי אַ קישן.
האָט אַמאָל אַ מידער „גייער״
מיט׳ן קעסטל אויפ׳ן פּלייצע
און אין האַנט אַ שווערן קאָשיק
אָנגעלעגט מיט וואַקס און אייער
וועגן וואָס געדאַרפט אַן עצה:
וואוהין צו גיין, וואוהין צו לויפן,
וואו אַ פּעלאַכל צו קויפן
און אין וועלכע הויפן
שטיקלאַך אַלטוואַרק ליגן, —
פּלעגט ער דאָרט אין הויז זי קריגן.

פּליסן אָבער ביי די פּריצים
אַזי די הערצער הייסע בלוטן,
מוזן אידן מיט די פּריצים
ריידן שטילער און מיט גוטן.

זאָל אַ איד נישט זיין באַשיידן
און נאָר פּרואוון העכער ריידן
כאַפּט דער גראַף אים ביי אַן אויער:
— הער דו זשיד מאָשעניק איינער!
שרייט און קריצט ער מיט די ציינער,
און ביים בלוי־געפּארבטן טויער
פונ׳ם ברייט געצאַמטן גאָרטן
רייסן הינט אים די קאַפּאָטע,
שמירן אוים אים דורך אין בלאָטע.
אָט אַזעלכע פּריצים דאָרטן!

און דער רייכער גראַף אָרזשעשקע,
כאָטש בטבע נישט קיין שלעכטער,
האָט געוואָלט, אַז משה הערשקע
זאָל הפּנים אים אויך האַלטן
צווישן פּעכטער פאַר אַ פּעכטער.
פלעגט ער אָפּט גאָר פּלוצים נעמען
אים אין האַרצן שלאָגן
און דאָס בערדל האַרוויז רייסן

אָדער גאָר אים נעמען שמייסן
מיט זיין ווייך געפלאָכטן בייטשל
און אים, ווי אַ הונט, פאַריאָגן.
אָבער אונזער גראַף אָרזשעשקע
איז בטבע ניט קיין שלעכטער.
שיקט ער גלייך אים איבערבעטן
— משה הערשקע, משה הערשקע,
כ'האָב געמאַכט בלויז אַ געלעכטער. . .

איז אַ הארץ דאָך ניט פון שטיינער,
כאָטש אַ זשיד מאַשעניק טראָגט עס,
און אַ לייב פון הויט און ביינער
מעג דאָך ווי טאָן ווען מען שלאָגט עס,
האָט דער איד ניט אויסגעהאַלטן
און געוואגט דעם פריץ פרעגן
צי ער איז אויך מיט די פריצים
אויפ'ן יאַגד און אין געשלעגן . .
אַזאַ גרויסער פעכטער?
האָט דאָס בלוט ביי גראָף אָרזשעשקען

אין זיין הארץ גענומען זידן
— סאַראַ חוצפּה פון אַ אידן!
און ער האָט ביי זיך באַשלאָסן
מער דעם זשידעק משה הערשקען
אויף דער טיר פון הויף ניט לאָזן.

איז נאַטירליך די הכנסה
ביי דעם אידן שוואַך געוואָרן.
און צו לעבן אָן פּרנסה,
ווען מען איז געוואוינט געוואָרן
פירן ברייט אין שטיב דאָס לעבן,
איז געווען דאָך שווער אַ ביסל.
אָבער אונזער משה הערשקע
האָט זיך איצט דאָס וואָרט געגעבן
מער ניט גיין זיך בעטען, בויגן
פאַר'ן פאַן צוליב דער שיסל.
און וואָס ווייטער וואָלט געוואָרן
פונ'ם ברוגז צווישןביידן,
צו דער איד וואָלט מיד געוואָרן

איבערטראָגן שטאָלץ די ליידן
און געלאָזט פון פאַן זיך טרעטן,
קאָן איך איצטער שוין ניט וויסן,
ווייל עס האָט אַזוי געטראָפן
אַז דער שטאָלצער פאַן אָרזשעשקע
איז געקומען צו דעם אידן
אין זיין שטוב זיך איבערבעטן.
און אַזוי האָט דאָס געטראָפן.

איינמאָל גייט זיך אום שפּאַצירן
אונזער גראַף אָרזשעשקע
איבער זיינע פעלדער.
זעט ער אָנגעפּאַקטע פורן :
רעטשקע, פּראָסע, ווייץ און קאָרן,
ציען זיך פון זיינע פעלדער
צו די שייערס.
איינגעשוויצטע פּאַראָבאָקעס,
טרייבנדיק די פערדלאַך,
גריסן אים מיט פרידן.

קומט אים פלוצים אויפ׳ן זינען
יענע חוצפה פונ׳ם אידן.
— פשאקרעוו ! — נעמט ער ברומען,
סאראַ הינטיש פאָלק די אידן.
פשאקרעוו ! פשאקרעוו !
זאָל ער וואגן קומען
צו די פריצים אין די הויפן
עפעם קויפן, צי פארקויפן,
וועט מען אלע הינט אַנרייצן
און פון דאָרטן אים פארטרייבן.
דאָס וועט ער שוין זיין דערינען.

ווי ער איז אַזוי געגאַנגען
אַ פארטראַכטער און אַ בייזער
אויף די פעלדער,
איז דערווייל די זון פארגאַנגען
און עס האָבן פון די וועלדער
שאָטנס זיך גענומען לעגן.
גייט דער בייזער גראף אַרזשעשקע

און עס וואַקסט אים פּונקט אַנטקעגן
אויס אַ שטיבל פאַר די אויגן —
פויל די ווענט און איינגעבויגן,
נאָר די פענסטער ליכטיק קוקן
אין דער זומער־נאַכט אַריין
דער קיל׳ער.
הויבט דער פּריץ אַזאַ שטילער
צי אַ שויב זיך אָן צו רוקן.
ווי אַ גנב, אויפגעהויבן
אויף די נעגל
נעמט ער שיקן
זיינע שטאָלצע פּריץ־בליקן
דורך די קליינע רויטע שויבן.

זעט ער : —
ברענען לייכטער,
חלות ליגן.
האַלט רב משה הערש א בעכער,
רייסט אין דרויסן זיך אַ ניגון

A-3955

און צעטראָגט זיך אין דער נאַכט אריין,
העכער, העכער,
און ווערט פאַרשוואונדן.

שטייט דער גראַף
און אָנגעצונדן
קוקן זיינע גרויסע אויגן:
— משה הערשקע!
— משה הערשקע!
קלאַפּט זיין האַרץ.
און צו דעם פענסטער צוגעבויגן
זעט אָרזשעשקע,
ווי דאָס ווייב אין שטערנטיכל
און אין ווייסן אויסגעפּרעסטן קליידל
שטרעקט די הענט אוים צו דעם בעכער.
נעמט ער ברומען
הויך און העכער:

— פשאקרעוו ! — שעלט ער,
ווי אַ מיידל
מיט פאַרליבטע גוטע אויגן
שטייט צום מאַן זי צוגעבויגן.

און ווי לאַנג עס איז געשטאַנען
ביי דעם פענסטער גראַף אָרזשעשקע
איז אַ קריג ביי אונז פאַראַנען.
איינער זאָגט אַז משה הערשקע
האָט ביים קדוש אים דערזען ;
זאָגט אַ צווייטער, אַז געשען
איז דאָס שפּעטער.
קאָנט איר גלויבן
סיי דעם ערשטן, סיי דעם צווייטן.
איינם איז זיכער.

ש. נייגבער

אַז די נאַכט האָט דורך די שויבן
צוזעזען
ווי ביים שבת־טיש געגרייטן
זיינען זיך געזעסן
אונזער משה הערשקע
מיט דעם גראַף אָרזשעשקע
און די שבת׳דיגע פיש
צוזאַמען אויפגעגעסן.

# די מציאה

# די מציאה

די דאָזיקע מעשה
איז לאַנג שוין געשען.
ביי אונז אינ׳ם שטעטל
אַ איד איז געווען.

אַ איד פונקט ווי אַלע,
ווי דו און ווי איך.
האָט קיינמאָל קיין ווען
געמאַכט ניט פון זיך.

געקרייזלט די פאות,
געגלעט זי די באָרד,
און קיינמאָל געזעסן
צו לאַנג אויף אָרט.

א טבע זיך יאָגן
א הין און א הער,
כאָטש פרעגט אים בחרם
צי טשעפּעט אים ווער.

געהאַט זיך זיין אייגנס
א פערד און א שפאַן.
און וואו נאָר א גרעבליע
אין תחום איז פאַראַן

האָט טיף אינ׳ם זאמד דאָרט
ביים זייט, צי אין מיט,
געלאָזן דאָרט צייכנס
זיין פערד מיט די טריט.

עס האָבן די גוים
אים אַלע געקענט,
געליגן א גילדן,
געצאַלט אים פּראָצענט.

אַ טעפּל קאַרטאָפליעס,
אַ מעסטל מיט מעל,
אַמאָל אויך פאַרקויפט אים
אַ שעפּסענע פעל.

אַזוי האָט דער איד זיך
פרנסה געמאַכט —
אין איין דאָרף פרימאָרגן
אין צווייטן פאַרנאַכט.

משבת לשבת
אין שטעטל געווען
ביז אַטאָ די מעשה
מיט אים איז געשען.

איינמאָל אונטערוועגס,
עס שלעפּט זיך דאָס פערד,
נו האָט אין מחשבות
דער איד זיך פאַרקלערט :

דאָס גראָז אזוי פריש,
אַ גרינער דער וואַלד,
און ער אַזאַ גרויער
און מיד שוין, און אַלט.

די זון, וואָס פאַרוקט זיך
אַ רויטע אָט דאָרט,
שלעפט פונקט ווי זיין פערד זיך,
פאַוואָליע פון אָרט.

אַוועק איז די וואָך באַלד
און ווינציק פאַרדינט,
און באַלד דאַרף בר מצוה
שוין ווערן זיין קינד.

ווען גאָט וואָלט מיט עפּעס
נאָך היינט אים באַגליקט
און אים אַ מציאה
אין וועג צוגעשיקט.

וואָלט ער אזא שיינע
בר־מצוה געמאַכט.
עס שלעפט זיך דאָס פערד,
עס שפּרייט זיך די נאַכט.

און ווי אונזער איד זיצט
אַזוי זיך פאַרקלערט,
דערפילט ער, ווי פלוצלונג
שטעלט אָפּ זיך זיין פערד.

„וויאָ” היינט און „וויאָ” מאָרגן,
עס רירט ניט פון אָרט.
ער קרייזלט די פאות
און גלעט זיך די באָרד,

און פרעגט דעם מיט גוטן:
וואָס הייסט? און וואָס טייטש?
און פּאַכעט אַ בייזער
אין לופט מיט דער בייטש.

נאָר פונקט, ווי אַ שטיין
וואָלט געוואָרן פון פערד,
עס הויבט ניט קיין פוס אויף
שוין מער פון דער ערד.

פאַלט איין אונזער אידן,
אַז דאָס איז ניט גלאַט,
ער האָט אַזאַ זאַך נאָך
ביז איצט ניט געהאַט.

לאָזט ער פונ׳ם וואָגן
אויף גיך זיך אַראָפּ
און בויגט צו דער ערד איין
צושראָקן דעם קאָפּ.

ערשט זעט ער אַ שעפּעלע
אַ ווייסענקע ליגט.
פאַרשטייט ער, אַז דאָס האָט
אים גאָט צוגעשיקט.

האָט ער עס גענומען
אין וואָגן צו זיך,
דאָס פערד אויסגעדרייט
צו דער היים אויף דער גיך.

און ווי אונזער איד זיצט
אַזוי זיך און פאָרט
און קרייזלט די פאות
און גלעט זיך די באָרד.

צופרידן, וואָס גאָט האָט
זיין תפילה דערהערט
האָט ער אין מחשבות
זיך ווידער פארקלערט.

די נאַכט אַזאַ שטילע,
דער וואַלד אַזוי שווארץ
ער פילט, ווי עס דריקט אים
אַ שטיין אויפ'ן הארץ.

אַ שאָף איז איגגאַנצן
צווייי גילדן די ווערט
אַזוי פיל עסט אויף דאָך
אין איין וואָך זיין פערד.

ווען גאָט וואָלט געווען היינט
אין וועג אים באַגליקט,
אַנשטאַט אָט דאָס שעפעלע
אַן אָקס צוגעשיקט,

וואָלט ער אונטערוועגס
זיך מער ניט געפּלאָגט,
נאָר אין בית המדרש
גאָר תהלים געזאָגט.

און ווי אונזער איד זיצט
אַזוי זיך פאַרקלערט,
דערפילט ער, ווי קוים־קוים
עס שלעפּט זיך זיין פערד.

„וויאָ" היינט און „וויאָ" מאָרגן,
עס העלפט ניט די רייד.
עס קריצן די רעדער,
דאָס פערד קוים עס גייט.

פאַלט איין אונזער אידן,
אַז דאָס איז ניט גלאַט.
ער האָט אַזאַ זאַך נאָך
ביז איצט ניט געהאַט.

ער דרייט אוים די אויגן
און שטעלט אַן זיין בליק
און לאָזט אים מיט שרעק
גלייך אַרונטער צוריק.

ניטאָ מער קיין שעפעלע,
אַן אָקס גאָר דאָ ליגט ;
פאַרשטייט ער, אַז דאָס האָט
אים גאָט צוגעשיקט.

לאזט ער זיך ארונטער
פון וואגן אויף דר'ערד
און גייט זיך פּאוואליע
ביי'ם זייט פונ'ם פערד.

דער וועג אזא לאנגער,
ער ציט זיך און ציט,
עס האט ביי דעם אידן
דער קאפּ זיך צוגליט.

אן אקס איז אינגאנצן
ח"י גילדן די ווערט, —
ניט מער ווי עס קאסט אים
זיין וואגן און פערד.

ווען גאט וואלט אויף אמת
אין וועג אים באגליקט
און אים עפּעס אנדערש
אין וועג צוגעשיקט;

א שטייגער אַן אוצר —
אַ פעסל מיט געלט.
אוי וואָלט ער עס גליקלאַך
געלעבט אויף דער וועלט!

און ווי אונזער איד זיצט
אַזוי זיך פאַרקלערט,
דערפילט ער, ווי לייכטער
נעמט גיין איצט זיין פערד.

עס שוועבן אַנטקעגן,
ווי שאָטנס פאַרביי,
די ביימער און סלופּעס
צי צוויי און צי דריי.

פאַלט איין אונזער אידן,
אַז דאָס איז ניט גלאַט.
ער האָט אַזאַ זאַך נאָך
ביז איצט ניט געהאַט.

דער וואָגן א שווערער,
אַן אַלטער דאָס פערד,
און לויפט, אז עם שווינד אזש
אַנטקעגן די ערד.

ער דרייט אוים די אויגן
און שטעלט אַן זיין בליק
און לאָזט אים מיט שרעק
גלייך אַרונטער צוריק.

אַ לץ שטייט אין וואָגן,
די גרוים ווי אַ ריז,
און פּאַטשעט אין לופטן
אַן אייזערנעם שפּיז.

און טוט מיט די ליפּן
יעדע רגע אַ בלאָז
און שיט זיך מיט רענדלאַך
פון מויל און פון נאָז.

וואס פאלן און ווערן
ווי שערבעלאך באלד,
און דא איז ביינאכט שוין,
א פעלד און א וואלד.

דאס פערד יאגט אויף בערג זיך,
אראפ און ארויף,
עס קומט צו דעם יאגן
און נאכט ניט קיין סוף.

פארשטייט ער, אז דאס האט
אים גאט אפגעצאלט
דערפאר, ווייל ער האט שוין
היינט צופיל געוואלט.

# אויפ׳ן ים.

ז. ווינבערג

## די שיף גייט אָפּ.

די שיף גייט אָפּ
און ווייט און ווייטער ווערט פון מיר דער ברעג.
אַט זע איך נאָך אַ פּאַס
און אַט נאָר בלויז אַ גרויען פלעק
און באַלד זע איך אין דעם פלעק שוין אויך ניט מער.
עס פליען וואַסער פויגלען אום אַהין און הער.
אַט הויבן זיי זיך וואָלקן הויך
און אַט אַראָפּ,
און נעבן מיר
אַ מיידל מיט אַ שוואַרץ-געלאָקטן קאָפּ,
קוקט ערגיץ אין דער ווייטער-ווייטקייט שטומערייט —
אַן איינזאַמע, ווי איך, פון קיינעם ניט באַגלייט.

און אויסגעשפּרייט
ליגט שטיל דער ים אי ברייט, אי ווייט.
און וואו איך טו זיך נאָר אַ ריר,
אין וועלכן זייט,
איז בלויער הימלסרוים און וואַסערשפּיגל בלויז.

עס קלינגט א גלאָק,
און עמיץ רופט צו מיטאָג אוים,
נאָר קיינער הערט דאָס קלינגן און דאָס רופן ניט.
דער ים איז שטיל.
עס גייט די שיף זיך אין דער מיט,
און האַרטער דריקט דאָס מיידל צום פאַרענטש איר קאָפּ —
עס גייט די זון צו מעריב שוין אַראָפּ, אַראָפּ.

## ים דו ברייטער!

ווי עס פליען צוגעטוליעט
צו די פערד אַ מחנה רייטער,
האָסטו זיך אַזוי צעהוליעט,
ים דו ברייטער,
ים דו ווייטער!

אויף מיין שוים —
אַ קינד צושראָקן,
האַלט די אויגן שטייף פאַרשלאָסן,
כוואַליען אויף מיין שוים זיך לאָקן,
פונ׳ם בייזן ווינט צופלאָסן.

בערג און טאָלן —
דיינע וועלן.
איך אַ רייטער
אויף די וועגן.

אָנגעטאָן אין שפּיז און פּאַנצער,
ווער זשע וועט זיך וואַגן שטעלן
מיר אין וועג אַט דאָ אַנטקעגן ?

אַז אַ מיידל צו באַשיצן
דאַרף אין ווילדן וועג אַ רייטער,
קריגט זיין שפּיז
אַ טויזענט שפּיצן,
ים דו ברייטער,
ים דו וויטער !

ז. ווינפער

## קאָן דער ים ניט רואיק לעבן.

קאָן דער ים ניט רואיק ליגן
גייט די שיף אַרויף, אַראָפּ.
וועל איך אין די אָרעמס וויגן
אַט אַזוי דיין מידן קאָפּ.

ערגעץ פון אַ מאַמעס אויגן
רינען טרערן, רינען פיל,
שטייט צום פענסטער צוגעבויגן,
מורמלט עפּעס, מורמלט שטיל.

און דער טאַטע רוקט די פינגער
אין דער גרוי־צוקנייטשטער באָרד,
וויל דער מאַמען מאַכן גרינגער
און געפינט פאַר איר קיין וואָרט.

ס'האָט דאָס שענסטע קינד פֿאַרלאָזן
טאַטע, מאַמע, היים און הויז.
און די האָר פֿון ווינט צעבלאָזן,
וויג איך איצט דיך אויף מײַן שויס.

קאָן דער ים ניט רואיק ליגן,
האָט דײַן האַרץ אויך ניט קיין רו.
וועל איך דיר אַזוי פֿאַרוויגן,
מאַך נאָר דײַנע אויגן צו.

## נאָר מעשה׳לאַך.

נאָר מעשה׳לאַך, נאָר מעשה׳לאַך ווילסטו.
נו, גוט. איך האָב פאַר דיר זיי אַזוי פיל.
באַרואיקט האָט זיך שוין דער ים.
און, פונקט ווי דו,
וויגט ער זיך ציטעריק און שטיל.

אַ פּאָרל רוקט זיך אויפ׳ן דעק אַרויף.
די נאַכט איז שטיל,
איז גוט דאָ אויפ׳ן דעק אַרום צוגיין.
אין אַזאַ נאַכט אַ הויכן באַרג אַרויף
צוויי קינדער האָבן זיך געלאָזן גיין.

געווען איז פונקט, ווי איצט, דער הימל בלוי.
און גוט און לייכט געווען איז זיי דער גאַנג.
געהויבן האָט זיך פון דער ערד אַ דינער טוי
און שטיל האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג.

דאָס האָט אין טאָל אַ רייטער אויף זיין פערד
געזונגען שטיל אַ ליד פאַר זיך פאַרטראַכט : —
„מאַרוסיאַ האָט מיין רופן ניט דערהערט,
מאַרוסיאַ האָט פאַר מיר די טיר פאַרמאַכט".

און ווי דער ים
האָט ווייט אַרום דער טוי
פאַרהילט אי פעלד אי גראָז —
נו, וואָס זשע ציטערסטו אין שוים ביי מיר אַזוי?
האָסטו, ווי איך, אַצינד זיך אויך דערמאָנט אָן וואָס?

ווי אירע זיינען דיינע אויגן שוואַרץ,
און פונקט ווי אירע קליינע דיינע הענט.
אין אַזאַ נאַכט, ווי דאָ אַצינד
האָט אָנגעצונדן מיר מיין האַרץ
אַ מיידל פונקט, ווי דו, און עס פאַרברענט.

# דורך ברויזענדיקע כוואַליעס.

דורך ברויזנדיקע כוואַליעס,
ווי ווילדע האָרדעס פערד
אין ווילדעסטען גאַלאָפּ,
שניידט אונזער שיף איר שווערן וועג.
און אין די איינגע קאַמערן
און אויפ׳ן דעק
די מענשען קופּעסווייז
די דאַרע הענט געפלאָכטן איינער אינ׳ם צווייטנס לייב.

דורך ברויזנדיקע כוואַליעס,
עס כאַפּט דער ים דעם הימל ביי דעם האַלז
און שיקנדיק אים מיט אַ ווילדן כעס
צעברילט ער זיך אויף אונזער שיף:
— כאַ־כאַ!
— כאַ־כאַ!
נאָר אָט באַווייזט אַ מענש זיך אויפ׳ן דעק,
אַ הויכער מיט אַ שוואַרץ געלאָקטן קאָפּ
שפּאַנט ער צו אונז מיט לייכטע טריט.
פון וואו? פון וואַן?

איז ער אַ רייזנדער, ווי מיר,
צי גאָר דער קאַפּיטאַן?
קיינער ווייסט דאָס ניט.
און לאָזנדיק זיין פלינקע האַנט צום ראָד
צעשיינט פאַר אונז זיך זיין געזיכט,
ווי אין אַ טיפע פינסטערניש אַ צינדנדיקעס ליכט.
און זע,
עס הויבן מענשן זיך פון קופּעס אויף
און הענט און אויגן הויבן זיך צו אים אַרויף:
— העי, קאַפּיטאַן!
— העי, קאַפּיטאַן!

דורך ברויזנדיקע כוואַליעס,
ווי ווילדע האַרדעס פערד
אין ווילדעסטן גאַלאָפּ,
עס גייט די שיף
אַרויף, אַראָפּ,
אין כוואַליענדיק געדראַנג
און אין די לופט אַרום
מישט אוים זיך דאָס געבריל פון ים מיט מעשלאַכן געזאַנג,
— כאַכאַ!
— העי, קאַפּיטאַן!

WORKERS COOPERATIVE
LIBRARY
2700 Bronx Park East